בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
ע"ה

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

ר׳ זלמן׳ס פירוש אויף ליקו״מ
דעם רבי׳נס שטול
דעם רבי׳נס ׳בעכער׳ און ׳יארמולקע׳
דער בענקל אין ארץ ישראל
דעם בעל שם הקדוש׳ס ספר תורה
וואו איז פ-א-ר-ט דער אמת?!
דאנקען גאט, וואס איך זעה אייך...
׳רצתי אחר צבי׳ - כאפן דעם הערש!
׳שב לימיני׳
׳אשת נעורים׳
׳ובכל מאודך׳
שפע של אדם

להאזנה אל כל השיחות שי״ל על ידינו

**079-5281887**

ארה״ב: **1-646-585-2960** ואח״כ להקיש את המס׳ הנ״ל

אירופה: **033-03900485** ואח״כ להקיש את המס׳ הנ״ל

**לשמיעת השיעור המצו״ב יש להקיש 2# ואח״כ 75#**

©
כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**
יוסף מענדל האס, מאנסי ארה״ב
**1-845-200-0443** (מארה״ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס׳ **(+1) 347-232-7166**

# פרשת חוקת שנת תשל"ה

(טייפ מס' 87#)

## ר' זלמן'ס פירוש אויף ליקו"מ

(חסרה ההתחלה, כנראה שמדבר אודות הכתבים של ר' זלמן ב"ר נחמן חיה'לע'ס[א], שהיה בהם חידושים וביאורים נאים על ליקוטי מוהר"ן, ורלוי"צ ראה אותם בטשעהרין אצל בנו ר' הערשל[ב])

- טאקע ממש אויף צו דרוקן, נישט אזוי לומד'יש געשריבן, נאר שיין געשריבן, אזוי, יעדעם ווארט באזונדער, און מען האט דערקענט דעם סופר, שיין! א געוואלדיגע זאך. נאך דעם האבן מיר אנדערע אויך אזוי געזאגט: ר' זלמן'ס (פירוש על ליקו"מ) איז א געוואלדיגער ספר.

(ר' נחמן בורשטיין: ס'איז געווען אויף גאנץ לקוטי מוהר"ן?) אויף די תורות - חידושים, שיינע חידושים!

(ר' משה בינענשטאק: דעמאלטס אין טשעהרין האט איר גערעדט מיט אים - מיט ר' זלמן?) יא, אוודאי[ג].

(רמ"ב: ר' זלמן האט געשריבן דארטן אז ער האט געזעהן דעם רבי'ן אין חלום?) (רנ"ב: יא!) ווער האט דיר געזאגט דאס? (רנ"ב: אזוי האב איך געהערט!) איך האב דאס נישט געהערט, איך האב נאר געזעהן, ער האט מיר געוויזן דעם כתב - ר' הערש דער זון האט מיר געוויזן דעם כתב פונעם טאטן, און איך האב געזעהן אז ס'איז געוואלדיגע שיינע חידושים. יעדע ווארט וואס ער זאגט איז געוואלדיג שיין, נישט סתם אזוי נארישע חידושים, געוואלדיגע שיינע זאכן, ווען מען דרוקט עס אפ וואלט עס געווען א שיינקייט.

❖

---

[א] בתו של רביז"ל.

[ב] עי' שיש"ק א' תפ"ה.

[ג] עי' קו' טעם זקנים ל"ט, שרלוי"צ פגש אותו פעם בטשעהרין בשנת תרע"ו.

# דעם רבי'נס שטול

(מדבר אודות הכסא של רבינו שהיה בטשעהרין ונמצא כיום בבית מדרשינו מא"ש בירושלים עיה"ק)

**מען פלעגט זאגן אז די שטול איז געווען ביי אדל'ען - די טאכטער[ד], און זי האט עס אריבערגעפירט צום זון, ר' אברהם בער'ניו. אויב אזוי וואלט געדארפט זיין די שטול ביי ר' אברהם בערניו'ן, און ס'איז געווען גאר ביי ר' זלמן'ען.**

(רמ"ב: ר' זלמן איז אויך געווען אין טשעהרין, ניין?) **ר' זלמן איז דאך געווען פון חיה'לען** (היה בעלה), **איך האב געפרעגט די קשיא ווי קומט די שטול** (צו ר' זלמן), **ס'האט געדארפט זיין ביי ר' אברהם בערניו'ן די שטול, נישט ביי ר' זלמן'ען!?. דאס זאג איך, ס'איז געווען - ביי זיין טאטן אין שטוב איז דאס געווען. דעם רבי'נס איידעם האט געהייסן ר' זלמן, ער האט א נאמען געגעבן - ר' נחמן חיה'לעס - נאך זיין טאטן** (זלמן), **און דארט איז געווען די שטול, טאקע ביי זיין טאטע, ר' יעקב יוסף[ה].**

**דאס איז טאקע די שטול, איך האב אסאך ראיות אז דאס איז די שטול וואס איז געווען ביי ר' יעקב יוסף'ן אין שטוב, דאס איז די שטול!**

(רנ"ב: ער איז נישט אסאך יארן געווען דער ר' זלמן[ו]) **יא יא, ער האט נישט מאריך ימים געווען** (רנ"ב: אז ר' נתן דערמאנט שוין ר' אהרן'ען[ז] אין ימי מוהרנ"ת פארנדיג קיין ארץ ישראל[ח]) **יא יא, ר' אהר'קע, ער איז געווען דער אנדערער** (מאן פון חיה'לע בזיוו"ש), **אוודאי.**

(רנ"ב: אין שמות הצדיקים איז דא א טעות, ס'איז דא דעם רבי'נס איידעם ר' אהר'קע) **ער איז אויך געווען אן איידעם,** (רנ"ב: אבער ר' זלמן שטייט דאך גארנישט דערמאנט) **אה, דאס איז א טעות![ט] אוודאי, דער ערשטער איידעם איז געווען ר' זלמן, און דער אנדערער איידעם איז געווען 'ר' אהרן דער רב'** (פון קרימענטשאק).

---

[ד] בת רביז"ל.

[ה] ר' יעקב יוסף ליובארסקי מטשהערין - תלמיד רביז"ל. השידוך בין בנו ר' זלמן לבין חיה בת רביז"ל דובר עוד בחיי רביז"ל אך לא יצא לפועל. ואחרי הסתלקות רביז"ל ביקש והתחנן שהוא רוצה בשידוך וסמוך לפורים תקע"ב נגמר השידוך (גידולי הנחל ע"פ ימי מוהרנ"ת ח"א, אות פ"ד).

[ו] חתן רביז"ל

[ז] חתן רז"ל, שימש כרב דק"ק קרימינטשאק, בנו של ר' אליהו חתן הרה"ק ה'בעל התניא'. נשא את מרת חיה בת רביז"ל לאחר שנפטר בעלה הראשון ר' זלמן (הדבר היה שנים ספורות לאחר פטירת רז"ל).

[ח] עי' ימי מוהרנ"ת חלק שני, אות נ"א

[ט] בדפוסים שלנו זה כבר מתוקן

דאס איז די שטול, די שטול פון דא - דאס איז די שטול וואס דער רבי האט געזאגט תורות דערויף אין טשעהרין.

(השואל: נישט די תורה א' חלק שני, וואס מען האט געבראכט דעם רבי'ן א שטול[י]?) וועדליג מען דערציילט (- לפי מה שאנו מדברים עכשיו) - איז די שכל מחייב אז דאס איז נישט די שטול, די (יענע) שטול איז איבערגעבליבן דארטן.

איך האב געהאט אמאל א ויכוח מיט ר' אברהם'ען. ר' אברהם סופר (שטערנהארץ) האט געזאגט, אז אדל'ע האט אריבערגעפירט די שטול קיין טשעהרין צום זון, צו ר' אברהם בערניו'ן. האב איך אים געפרעגט, האט געדארפט זיין די שטול ביי ר' אברהם בער'ניו'ן! ווי קומט עס גאר צו ר' זלמן'ען? דארטן איז געווען אייניקלעך פון ר' אברהם בערניו'ן: 'ניאחע'[יא], 'ניאחע' ר' אברהם בערניו'ס, ער פלעגט פארן אויף ראש השנה; 'יעקב יוסף' ר' אברהם בער'ניו'ס, ס'איז געווען, ער האט געהאט קינדער! האט ווען געדארפט די שטול זיין דארטן ביי זיי!? זאגט ער, ער ווייס נישט קיין תירוץ! ער ווייסט נאר אז דאס איז די שטול.

האט דער שטול געדארפט זיין ביי זיי, ווי קומט עס צו זיי גאר? דארטן קענען שוין קינדער נישט לאזן! אונזער א שטול (מרבינו) אוועקלאזן?! ווי קומט די שטול צו ר' זלמן'ען? דאס איז - ביי זיין טאטן אין שטוב האט ער גענומען די שטול, איך האב געהאט א ויכוח מיט ר' אברהם'ען, (ואמר:) איך ווייס נישט וואס צו ענטפערן!

(רנ"ב: אפשר האבן זיך זיי צוטיילט מיט די זאכן וכדו') ניין, אזעלכע זאכן טיילט מען זיך נישט!

---

[י] עי' חיי מוהר"ן פ"ד: מַה שֶּׁסִּפֵּר קֹדֶם רֹאשׁ־הַשָּׁנָה תקס"ט סוֹף קַיִץ תקס"ח. וּבְאוֹתוֹ הָעֵת הֵבִיא לוֹ הַשּׁוֹחֵט מִטֶּעפְּלִיק כִּסֵּא נִפְלָאָה. וְסָמוּךְ לָזֶה סִפֵּר זֹאת שֶׁרָאָה בַּמַּרְאָה אוֹ בַּחֲלוֹם שֶׁהֵבִיאוּ לוֹ כִּסֵּא, וְהָיָה אֵשׁ סְבִיבָהּ. וְהָלְכוּ כָּל הָעוֹלָם אֲנָשִׁים וְנָשִׁים וָטַף לִרְאוֹתָהּ וכו'... עַיֵּן כָּל זֶה בְּהַתּוֹרָה 'תִּקְעוּ בַחֹדֶשׁ שׁוֹפָר', 'וַיִּבֶן ה' אֶת הַצֵּלָע'. הַמְדַבֵּר מִשָּׁרְשֵׁי נְשָׁמוֹת הַכְּלוּלִים בַּכִּסֵּא עַיֵּן שָׁם הֵיטֵב כָּל הַתּוֹרָה בְּ"לִקּוּטֵי תִנְיָנָא סִימָן א'" כִּי הוּא פֵּרוּשׁ עַל הַמַּעֲשֶׂה הַנַּ"ל וכו', עי"ש הסיפור המלא.

[יא] "ניאחע" - "רבי נחמן" בנו של ר' יעקב יוסף ב"ר אברהם בער'ניו (טעם זקנים קו' ל"ט).

# דעם רבי'נס 'בעכער' און 'יארמולקע'

(רנ"ב: ווי קומט דער בעכער, דעם רבי'נס בעכער?) איך ווייס נישט. (רנ"ב: איר האט געזעהן דעם בעכער?) ביי וועמען, ביי נאשקען[יב]? איך ווייס נישט. דער נאשקע'ס טאטע איז געווען פארמעגליך, האט ער געגעבן גוטע געלט, ער האט אפגעקויפט ביי די קינדער, פשוט, מאטיע איז געווען פארמעגליך - נאשקע'ס טאטע, ער האט געהאט גוטע געלט געצאלט, האט ער אפגעקויפט. זיי זענען געווען ארעמעלייט די אייניקלעך.

פאר די יארמולקע האט ער אוועקגעלייגט עטליכע הונדערט - א סכום גדול האט ער אוועקגעלייגט פאר די יארמולקע. מיר פלעגן אים זאגן: 'מאטיע - האסט נישט קיין מורא אנצוטאן?' - ר"ה האט ער אנגעטוהן די יארמולקע, מאטיע האסט נישט מורא אנצוטוהן די יארמולקע?! (והשיב:) 'ניין, איך האב נישט קיין מורא!'

(רמ"ב: ס'איז א סגולה ליראת שמים![יג]) ער איז געגאנגען מיט די יארמולקע, נו, איך וואלט מורא געהאט אנצוטאן! איך וואלט זי געהאלטן ביי זיך, (אבער) אנטאן?!

נאשקע האט עס? (רמ"ב: נישט נאשקע, בן ציון[יד] דער ברודער) ס'ליגט ביי בן ציון'ען? און ער וויל נישט ווייזן קיינעם? (רנ"ב: ער ווייזט, איר דארפט אמאל צוגיין) (רמ"ב: ער האט א קאפטן אויך?) (אחד הנוכחים: אזוי האב איך געהערט) (רמ"ב: און ווער האט דעם בעכער?) (אחד הנוכחים: אלץ האט ער). פון דעם קאפטן ווייס איך נישט, די יארמולקע איז ער געגאנגען דערמיט ראש השנה.

❖

ס'איז א קליינע בעכער, (רמ"ב: נישט שיעור חזון איש?) ניין, (רנ"ב: ס'איז נישט קיין ראיה אז דער רבי האט געמאכט קידוש אויף דעם, (כי אולי השתמש בזה) אויף צו מכבד זיין א אורח) יא, ס'איז נישט קיין ראיה!

❖

[יב] ה"ה המכונה 'ר' נחמן רוסישער' (ב"ר מאטיע קאנעלסקי מאנ"ש בעיר טשעהרין), שעלה לא"י בשנת תש"ה. נפטר י"ט תשרי תשע"א

[יג] עי' ספה"מ ערך גאוה, אות כ"ו: הַכּוֹבַע שֶׁל צַדִּיק - סְגֻלָּה לְהָסִיר הַגַּאֲוָה (עי' גם 'ספה"מ' יראה אות י"ג).

[יד] יהושע בן ציון קנייבסקי אחי ר' נחמן רוסישער ובנו של ר' מאטיע קאנעלסקי - נפטר כ"ז ניסן תשס"ט.

# דער בענקל אין ארץ ישראל

(רמ"ב: אבער ווי קומט עס אז דער רבי איז געזעצן ביי חיה'לע'ן? זי האט דאך חתונה געהאט נאכן רבי'נס הסתלקות!)

נישט ביי חיה'לען, ביי ר' יעקב יוסף'ן[טו] איז דער רבי געזעצן (בעת שהותו בשבתות בטשעהרין).

נאכן רבי'נס הסתלקות האט ר' יעקב יוסף גענומען חיה'לען פאר א שנור, שוין[טז].

און דער רבי פלעגט איינשטיין ביי ר' יעקב יוסף'ן און דארטן איז געוועז די שטול. דער רבי פלעגט איינשטיין ביי ר' יעקב יוסף'ן, און דער רבי איז אלע יאר געוועז אין טשעהרין[יז], נאך פון מעדוועדיווקע איז ער אויך געקומען אין טשעהרין. טשעהרין איז געוועז ביים רבי'ן פון די שטעט, אסאך יארן איז געוועז דער רבי דארטן, און דאס איז געוועז דעם רבי'נס שטול.

(רנ"ב: דאס הייסט ס'איז נישט די שטול פון דעם שוחט?) וועדליג איך זאג איז עס נישט די שטול.

הער זיך איין, אזוי פיל שפאַרן קען איך שוין נישט (רנ"ב: ווייל די ציורים איז אויך דא שיינע וכו', דער טשעהרינער רב ברענגט אין פרפראות, און אין חיי מוהר"ן שטייט עס, אבער עס שטייט איינגערינגלט, אז ס'האט געהאט א קאליר פון פייער - 'צבוע בצבע אש'[יח]) יא, מיט גאלד פארבן, א גאלד פארב, ס'איז נישט קיין ראיה אז דאס איז די שטול, שוין.

דעם ויכוח האבן אנדערע אויך געהאט מיט אים, אנדערע האבן אויך געהאלטן מיט מיר אז דאס איז די שטול וואס דער רבי האט געזאגט תורה אין טשעהרין ביי ר' יעקב יוסף'ן אין שטוב, וואספארא נפקא מינה? אויף דער שטול איז געזאגט געווארן אסאך תורות! אויף דער שטול וואס מיר האבן דא!

איך בין געוועז ביי ר' הערשעלע'ן (ב"ר זלמן ב"ר נחמן חיה'לע'ס בת רביז"ל) אין שטוב, אויף דער עלטער איז ער געוועז קראנק, האב איך געזעהן ליגן דארטן ספרים, אויפן

---

[טו] עי' הערה ה' לעיל

[טז] עי' בהערה שם לעיל

[יז] עי' חיי מוהר"ן קכ"ו: וְעוֹד שָׁלֹשׁ פְּעָמִים בַּשָּׁנָה אָמַר (רביז"ל) תּוֹרָה בִּקְבִיעוּת. הַיְנוּ שֶׁהָיָה נוֹסֵעַ לְטְשֶׁעהְרִין וּלְטֶירָאוִיצֶע פַּעַם אַחַת בַּחֹרֶף וְיָשַׁב שָׁם עַל הַשָּׁלֹשׁ סְעֻדּוֹת וְאָמַר שְׁתֵּי פְּעָמִים תּוֹרָה, הַיְנוּ בְּשַׁבַּת שִׁירָה וְעוֹד אֵיזֶה שַׁבָּת וְגַם בַּקַּיִץ הָיָה נוֹסֵעַ לְשָׁם אֲבָל לֹא אָמַר תּוֹרָה רַק פַּעַם אַחַת בִּטְשֶׁעהְרִין בְּשַׁבַּת נַחֲמוּ.

[יח] עי' פרפל"ח על התורה, אות כ'

שטול איז געלעגן ספרים. (אמר לי ר' הערשל:) 'יא, יא, דאס איז די שטול פונעם רבי'ן און איך האב עס איצטער'.

❖

משה בער[יט] האט דאך עס געבראכט (הכסא לארץ ישראל), משה בער האט עס צענומען אויף שטיקער, געמאכט א פעקעלע און עס ארויפגעברענגט.

(רנ"ב: אין אלט-שטאט איז עס געלעגן ביי אונז, די שטול, ער האט געהאט נאר וואס אנגעקומען, ער האט עס נישט געהאט וואו צו לייגן, דערפאר איז עס געלעגן ביי אונז, שוין, פון דארטן האט ער עס אפגעבעטן קריק, האט מיין מאמע געזאגט, וואס הייסט? וואס ביסטו מער יחסן ווי אונז?! אבער מיין טאטע האט עס אים אוועקגעגעבן).

ברוך השם, ס'איז נאך א נס, מען האט עס ארויסגעכאפט פון שטוב[כ], (מאוקריינה לא"י).

(רמ"ב: ווי קומט משה בער צו דעם?) משה בער איז געפארן קיין ארץ ישראל, האט מען עס ארויפגעשיקט מיט אים, (רמ"ב: ווער האט אים געגעבן?) דארטן -

(רמ"ב: ר' הערש לייב (ליפל) האט אויך עפעס געהאט שייכות צו דעם, ער זאגט אז ער איז עפעס אויך א מחותן צו דעם!) יא, ער האט אויך געשלעפט...

❖

# דעם בעל שם הקדוש'ס ספר תורה

מען זעהט דאך, ס'איז געווען א (השגחה מלמעלה), דעם בעל שם הקדוש'ס ספר האט מען אויך ווען געקענט (זעהן) ס'זאל זיין דא, ס'איז געלעגן אין אומאן!

(השואל: מען פלעגט ליינען אין דעם ספר אין אומאן?) נאר ראש חודש.

א אלטע כתיבה, אויך עפעס א געוואלדיגע!

ווען דער קלויז איז געווען פאר'חתמ'עט, מען האט שוין נישט געקענט דאווענען אין שוהל, איז ברוך (חתן ר' געצע) אריין בייננאכט דורך א פענסטער און ער האט ארויסגענומען דעם ספר, שוין, הייסט עס, אז ער האט זוכה געווען אין דעם ספר, ער

---

[יט] ר' משה דוב ב"ר שמואל יצחק ראזנפעלד ב"ר יהודה ב"ר נחמן ב"ר שמואל יצחק - הרב דטשעהרין. נולד בשנת תר"נ בטשערין. זוגתו: פייגא ב"ר בן ציון קמינסקי. (היה גיסו של ר' מרדכי, המכונה 'מאטיע', קנעלסקי הנ"ל). עלה עם משפחתו לא"י בשנת תרצ"ה.

[כ] עי' שיש"ק ח"א, ש"י. ובגנזי אבא ח"א, מ"ז.

האט זיך איינגעשטעלט זיין לעבן, ווען מען פאקט אים, וואלט מען אים ווען געקענט (לשפוט אותו ל...)

האבן מיר אים געזאגט, 'דו זעהסט דאך אז אידן פארן קיין ארץ ישראל, גיב מיט דעם ספר קיין ארץ ישראל', דא - (אין ארץ ישראל) וועט דאך עס זיין וואו ער וועט נאר זיין. האט ער נישט געוואלט, וואס הייסט? איך האב ארויסגענומען דעם ספר - וועל איך אים אוועקגעבן?! (השואל: וואו איז דאס געבליבן צום סוף?) ווער ווייסט?!

(רמ"ב: ס'איז געבליבן נאך זאכן דארטן אין שול בשעת מען האט דאס פאר'חתמ'עט?) אונזער שול איז געווען די לעצטע שול, מען האט אלע שול'ן צוגענומען, אונזער'ס האט מען נאך איבערגעלאזט, די לעצטע שול האט מען אונז צוגענומען (בשנת צרו"ת).

ביי אונז איז געוועזן הונדערטער הונדערטער ספרי תורות פון די אלע שוהל'ן וואס מען האט צוגענומען, ס'איז געווען הויכע פענסטער, פון די פענסטער האט מען געמאכט שענק, ס'איז געווען אסאך פענסטער, און ס'איז געווען שענק אין די פענסטער און דארט איז געלעגן די ספרי תורות ארום און ארום, ש"ס'ן - איז געווען טויזנטער ש"ס'ן ביי אונז פון די גאנצע שטאט, און די ספרים (ספרי תורה) - איז געלעגן אסאך הונדערטער ספרים.

און ווען מען האט צו (געשפארט) די שול, ברוך איז אריין ביינאכט און ער האט געזוכט און ער האט געפאקט דעם ספר און ער האט זי ארויסגענומען, ער האט זיך איינגעשטעלט דאס לעבן פאר דעם, ער האט טאקע זוכה געווען דערצו, אבער וואס קומט ארויס?! מיר האבן אים געזאגט: גיב אוועק דעם ספר אין ארץ ישראל, אין ארץ ישראל וועסטו שוין דארטן - אין ארץ ישראל וועט עס זיין אויף דיין נאמען, אבער גיב אים איבער - אידן פארן קיין ארץ ישראל - גיב איבער דעם ספר, משה בער איז דעמאלט געפארן.

(רנ"ב: אים האט מען פארשיקט, האט געקענט א אנדערער נעמען דעם ספר!?) ווער איז דער אנדערער? ס'איז געווארן אוים וועלט, ווער איז געווען דער אנדערער - ווער?

דער פחד איז געווען אזוי פיל גרוים - אז ס'איז נישט שייך געווען אפילו א טרעט צו טאן!

נאר פריער - אז משה בער איז געפארן איז נאך געווען, האט מען נאך געקענט מיט אים שיקן דעם ספר.

(רנ"ב: פון וואנעט האט מען געכאפט ביי אונז דעם ספר?) דער ספר איז געווען ביים רבי'נס איידעם, ביי ר' יצחק אייזיק, און בשעת ר' יצחק אייזיק איז נפטר געווארן, און די צוואה דארט, א גאנצע מעשה מיט די צוואה דארט, ווייסט דאך, איז ר' נתן דעמאלט געוועזן, האט ר' נתן געבראכט מיט זיך דעם ספר, עפעס א לייכטער, (רנ"ב: ער שרייבט אז עפעס האט מען אים געגעבן, אבער די איבעריגע....[כא])

ר' יצחק אייזיק איז געווען שרה'קע'ס (מאן).

❖

# וואו איז פ-א-ר-ט דער אמת?!

נו, מיר האבן דאך גערעדט פריער עפעס א שמועס, עפעס אפגעלאזט דעם שמועס, (רמ"ב: פון ר' זלמן, פון טשעהרינער רב, אז ער האט נישט אויסגעדרייט דעם פנים ראש השנה) יא, (רמ"ב: מען האט גערעדט פון זוכן דעם צדיק!).

(רנ"ב: איר האט נישט אויסגעפירט דעם ענין: 'אז ס'איז שוין גאר שלעכט ציהט מען זיך צום אמת!') יא, דאס איז געווען וואס ר' נתן האט אפגערעדט דעמאלט אז דער שווער (של מוהרנ"ת) איז געווען, אז מען האט אים געגעבן צייטן ווען ער זאל פארן, איז אויסגעקומען אז ביז חנוכה קען ער נישט זיין ביים רבי'ן, ס'איז געווען נאך סוכות, ביז חנוכה קען ער נישט זיין ביים רבי'ן, זיי האבן געזעהן דארטן אז ער מוז פארן די צייטן, האט מען אים געגעבן די צייטן, מוצאי שמחת תורה איז ער עפעס געווען ביים רבי'ן, די תורה 'על אשר מעלתם'[כב] האט אים דער רבי געזאגט מוצאי שמחת תורה, און נאך סוכות איז געקומען דער שווער האט מען שוין געמאכט א צייט אז ביז חנוכה קען ער נישט פארן.

ס'איז אוועקגעגאנגען די וואך פון פרשת נח, רבי נתן האט אנגעהויבן ברענען צום רבי'ן, (ואמר לעצמו:) 'מען האט מיך פארשפארט, איך קען נישט קומען ביז חנוכה', ווי קען ער אויסהאלטן - ביז חנוכה זאל ער נישט קומען צום רבי'ן?! איז אים געווען

---

[כא] עי' ימי מוהרנ"ת א', אות ק"י. ובעל"ת מכתב ק"ל, וקל"ב.

[כב] ליקו"מ קמא מ"ח

זייער געוואלדיג, זייער שלעכט, ער האט דאך נישט געוואלט אז מען זאל וויסן, האט ער געמאכט ביי זיך א חשבון, רבי נתן איז דאך א גאנצן טאג געזעצן אין בית המדרש, און פון נעמירוב קיין ברסלב איז דארטן דא זעכצן-זיבעצן קילאמעטער, א צוויי שעה, ער האט געמאכט א חשבון ביי זיך:

ער וועט פארן גאנץ פרי, וועט ער באשטעלן א פיר׳ל (פערד און וואגן) דארטן אונטערן שטאט, און ער וועט פארן צום רבי׳ן א צוויי שעה, און א צוויי שעה קריק, און ער וועט זיין ביים רבי׳ן נאך א צוויי שעה און ער וועט קומען אהיים קריק, וועט מען גארנישט וויסן, קיינער וועט נישט וויסן וואס און ווען.

ער האט אזוי געטאן, ער איז ארויסגעפארן פון נעמירוב, דעמאלט איז די צייט וואס עס גייען גרויסע רעגנס אין אוקריינע. אט איז געגאנגען א רעגן, א שטארקער רעגן, און די בלאטעס, און ער האט זיך אויסגעמאלט אז ער וועט פארן אין צוויי שעה - און די פערד טאנצן אין די בלאטע. ער איז געקומען צום רבי׳ן איז שוין געווען שפעט. אז ער איז אריינגעקומען צום רבי׳ן, האט אים דער רבי דעמאלט געזאגט: ׳דיר קומט צו זאגן: ׳שלום עליכם - **פאר געזונט!**׳, אז איינער איילט זיך (אומרים לו:) ׳שלום עליכם פאר געזונט!׳

**נאר דעמאלט האט אים דער רבי געזאגט, ׳אז מען וויל זיך מקרב זיין צום אמת, איז זיך מתגבר דער שקר - דארף מען זיך ציהען צום אמת: ׳וואו איז אבער פ-א-ר-ט דער אמת?!׳**[כג]

**און דער רבי האט דעמאלט געזאגט די תורה פון ׳צהר תעשה לתיבה׳** (לקוטי מוהר״ן סימן קי״ב[כד])**, אינמיטן פרשת נח, מען איז שוין געוואויר געווארן דארטן אז ער איז געפארן אינמיטן זמן** (וואס מען האט אפגערעדט)**.**

[(ר׳ נחמן בורשטיין: דאס הייסט אז דער רבי האט געזאגט אזוי, אז מען בינדט זיך צו צום אמת איז זיך מתגבר? - רמ״ב: דאס איז א ווארט צו ר׳ יודל׳ען, ניין?) **דארטן איז, פון שק״ר - קש״ר, ׳איז זיך**

---

[כג] עי׳ אורך הסיפור בשיש״ק ח״ב, פח-צא - התקרבות מוהרנ״ת זצוק״ל.

[כד] עי׳ פרפראות לחכמה על התורה.

מתגבר דער שקר', נאר אז מען איז מהפך [מ'שטארקט זיך] ווערט פון שק"ר - קש"ר, וועסטו שוין זיין צו מיר מקושר וכו' - דאס איז א אנדער ווארט[כה].

**דא איז אן אנדער ווארט דא: 'דארף מען זיך ציהען צום אמת: וואו איז אבער פ-א-ר-ט דער אמת?! וואו איז אבער פארט דער אמת?!'.**

(השואל: און ס'איז דא א דיבור פון רבי'ן: אז ס'איז גאר שלעכט?) - **איז מען זיך מבטל! אז ס'איז גאר שלעכט, איז מען זיך מבטל![כו] דאס איז עפעס אנדערש: וואו איז אבער 'פארט' דער אמת?!].**

**אזעלכע ווערטער וואס ר' נתן האט געהערט פונעם רבי'ן, איז אים אריינגעזעצט געווארן א מין נקודה פון אמת, אז דאס האט געבראכן אלע מניעות און שאלות. האבן אזא מין שווער וואס די גאנצע וועלט האט פאר אים געציטערט, און ר' נתן - ס'האט געהייסן אז ער איז געגאנגען קעגן אים, ער זיצט אין מאהליב און די רבנים ווארטן אויף אים, דארטן ווארט מען אויף אים און ער קומט אן פאר שבועות און רבי נתן פארט אוועק קיין זאסלאב** (צום רבי'ן!) **- א געוואלד, א געשריי, ס'איז געווען א רעש, און ער איז אוועקגעפארן צום רבי'ן!** [כז]

(רנ"ב: און דאס איז שוין געווען פינף יאר נאך די התקרבות!) **יא, תקס"ז.**

**תקס"ח, נאך פסח, איז נפטר געווארן ר' דוד צבי[כח]. ר' יצחק איז געבוירן געווארן ערב פסח[כט]** (רנ"ב: שביעי של פסח איז געווען די ברית!) **יא! און ר' דוד צבי איז נפטר געווארן נאך פסח. ברענגט ר' נתן, אז דער שווער - חותני הצדיק - איז געלעגן שלאַף, און ער האט נישט געקענט אריינגיין** (לבית הכנסת) **האבן סנדק.**

---

[כה] עי' כוכ"א אנשי מוהר"ן כ"ג: וּפַעַם אַחַת בִּשְׁעַת הִתְקָרְבוּתוֹ לַאַדְמוּ"ר זַצַ"ל אָמְרוּ לוֹ לְרַבִּי יוּדְל שֶׁרַבֵּנוּ זַ"ל כּוֹעֵס עָלָיו, וַיִּירָא לִכְנֹס אֶצְלוֹ. וְאַחַר שְׁלֹשָׁה יָמִים שֶׁלֹּא נִכְנַס נִתְיַשֵּׁב לִכְנֹס וְהִתְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ וְנִכְנַס. וְאָמַר לוֹ רַבֵּנוּ זַצַ"ל כְּשֶׁרוֹצִין לְהִתְקָרֵב אֶל הָאֱמֶת אָז מִתְגַּבֵּר הַשֶּׁקֶר, וּכְשֶׁמִּתְגַּבְּרִין עַל הַמְּנִיעוֹת וּמְשַׁבְּרִין אוֹתָם, אָז נַעֲשֶׂה מִ"שֶּׁקֶר" "קֶשֶׁר", וֶועסְטוּ שׁוֹין זַיין מְקֻשָּׁר צוּ מִיר וַוייל דוּ וֶועסְט לֶעבִּין! (תִּהְיֶה כְּבָר מְקֻשָּׁר אֵלַי כָּל זְמַן שֶׁתִּחְיֶה).

[כו] עי' שיחות הר"ן רע"ט: פַּעַם אַחַת אָמַר לִי בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: אִין אַז עֶס אִיז שׁוֹין גָּאר שְׁלֶעכְט. אִיז מֶען זִיךְ גָּאר מְבַטֵּל (וּכְשֶׁכְּבָר רַע מְאֹד אֲזַי מִתְבַּטְּלִים לְגַמְרֵי). וְשָׁאַלְתִּי אוֹתוֹ: אֵיךְ מְבַטְּלִין עַצְמוֹ? וְהֵשִׁיב: מֶע פַּאר מַאכְט דָאס מוֹיל אוּן דִיא אוֹיגְן אִיז בִּטּוּל! (סוֹגְרִין הַפֶּה וְהָעֵינַיִם וַהֲרֵי זֶה בִּטּוּל!). מִזֶּה מוּבָן עֵצָה: שֶׁכְּשֶׁהַבַּעַל דָּבָר מִתְגַּבֵּר מְאֹד מְאֹד עַל הָאָדָם וּמְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ מְאֹד בְּכַמָּה מִינֵי הִרְהוּרִים רָעִים וּבִלְבּוּלִים הַרְבֵּה שֶׁקָּשֶׁה לוֹ מְאֹד לְנַצְּחָם, אֲזַי יְבַטֵּל הָאָדָם עַצְמוֹ לְגַמְרֵי. כִּי כָּל הָאָדָם יָכוֹל לְבַטֵּל עַצְמוֹ לְגַמְרֵי לִפְעָמִים. דְּהַיְנוּ לִסְתֹּם פִּיו וְעֵינָיו וּלְסַלֵּק דַּעְתּוֹ לְגַמְרֵי כְּאִלּוּ אֵין לוֹ שׁוּם דַּעַת וּמַחֲשָׁבָה כְּלָל. רַק יְבַטֵּל עַצְמוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְגַמְרֵי!

[כז] עיין תוכן הסיפור באריכות בימי מוהרנ"ת ח"א ס' כ'.

[כח] עי' ימי מוהרנ"ת כ"ו: אחר פסח נפטר לעולמו חותני הגאון הצדיק זצ"ל, ביום ב', י"ט אייר

[כט] עי' ימי מוהרנ"ת כ"ז

דעמאלט איז אים שוין געווארן גרינגער, דער שווער איז נפטר געווארן, האבן זיי שוין געוואלט (נתרצתה חמותו וזוגתו לחזור ממאהלוב לנמרוב) איז ער שוין אריין אין נעמירוב, איז שוין געווען גרינגער[ל].

זיי האבן געהאט נאר סנדק תמיד, אלע ברית'ן וואס איז געווען און גאנץ מאהליב, איז געווען ר' דוד צבי סנדק.

ביים רבי'ן איז געווען א ברית וואס דער רבי איז געווען סנדק און חיתוך און דער רבי האט מכבד געווען רבי נתן'ען מיט פריעה. (רמ"ב: ביי ר' שלמה אפרים?) (- כן הוא בימי מוהרנ"ת סימן ה').

# דאנקען גאט, וואס איך זעה אייך...

(ר' חיים שלמה ראטנבערג: נאך ווּעמען איז דער נאמען יעקב?) איך ווייס נישט.

דער רבי'נס שווער האט געהייסן ר' אפרים (רח"ש: משיח בן יוסף! ) (רמ"ב: און שלמה? פון וואנעט שטאמט עס? פון משיח בן יוסף און משיח בן דוד?) יא, מען זאגט אזוי![לא]

(רמ"ב: און ר' אפרים, שרה'ס[לב] זוהן, האט אויך געהייסן אויף דעם נאמען פון דעם רבי'נס שווער?) אוודאי, יא!

(רנ"ב: דער טשעהרינער רב שרייבט: ושמעתי פעם אחת מהרב ר' נתן ז"ל שיחה נוראה בעניין זה - ווען 'ער' [הילד 'שלמה אפרים'] וואלט געבליבן - אשר תסמר שערות ראש אדם בשמעו זאת:) יא יא[לג].

[ל] עיין שם בימי מוהרנ"ת סימן כ"ח

[לא] עי' שיש"ק ח"א, אות תק"ט: אמרו אנ"ש: מהיוצא ממה שדיבר רבינו והפליג בשבח בנו הקדוש רבי שלמה אפרים ז"ל, שהיתה נשמתו של הילד גבוהה מאד, שהיה כלול מבחי' תרין משיחין, משיח בן יוסף ומשיח בן דוד; וע"כ נקרא בשם 'שלמה אפרים', דהיינו 'שלמה - שהוא בן דוד, ו'אפרים' - בן יוסף.

[לב] בת רבינו ז"ל.

[לג] עי' חיי מוהר"ן תקפ"ג: "וְאִלְמָלֵי הָיוּ זוֹכִין הָעוֹלָם שֶׁיִּהְיֶה נִשְׁאָר מֵרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בֵּן הַמְמַלֵּא מְקוֹמוֹ, כְּבָר הָיָה הָעוֹלָם נִתְתַּקֵּן עַל מִלּוּאוֹ וְתִקּוּנוֹ וּשְׁלֵמוּתוֹ עַל צַד הַיּוֹתֵר טוֹב!. וְשָׁמַעְתִּי פַּעַם אַחַת מֵהָרַב רַבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שִׂיחָה נוֹרָאָה בְּעִנְיָן זֶה אֲשֶׁר תְּסַמֵּר שַׂעֲרוֹת רֹאשׁ אָדָם בְּשָׁמְעוֹ זֹאת, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר זֶה בִּכְתָב אֲפִלּוּ בְּרֶמֶז!". גם עי' בפרפל"ח תנ' ז', אות ל', מה שמבאר שם, וז"ל: וזה שאמרו רז"ל (ילקוט שמעוני פנחס) שביקש משה שיירשו בניו את גדולתו, והוא על דרך ששמעתי מפיו הקדוש של הר"ר נתן ז"ל שיחה נפלאה ונוראה בענין זה, באשר שרבינו ז"ל היה משתוקק שישאיר אחריו בן זכר ממלא מקומו והאריך הר"ר נתן ז"ל אז בביאור דבר זה קצת על פי מאמרינו זה הנ"ל, כי באם היה נשאר מרבינו ז"ל בן שהוא תלמיד אמיתי שיקבל הארת דעתו הקדושה של אביו הקדוש, בוודאי כבר היה העולם בא לתכלית השלימות והתיקון! עכ"ל. ועי"ש מה שמבאר, מה שיש לומר לפי זה, שבעבור זה התפלל משה גם כן שיירשו בניו וכו' עיי"ש.

דער רבי האט ארויסגעשיקט ר' שמואל אייזיק'ן מיט ר' יודל'ען, ער האט זיי געזאגט: "איר זאלט וויסן: אין די נסיעה הענגט אן דאס לעבן פונעם קינד". און ער האט געזאגט: "ס'וועט אויף אייך איבערגיין אסאך, איר זאלט זיך האלטן!" און זיי האבן זיך נישט געקענט האלטן און זיי זענען געקומען קריק[לד].

ווען זיי זענען אריינגעקומען צום רבי'ן האט זיך אנגערופן דער רבי: "דאנקען גאט וואס איך זעה אייך, איך האב געמיינט איך וועל אייך שוין נישט זעהן", און ווען זיי זענען געקומען איז באלד דאס קינד נפטר געווארן.

רבי נתן האט געזאגט, ער וואלט זיך נישט אומגעקערט![לה]

(רמ"ב: זיי האבן געדארפט רעדן אויך? אדער נאר איבערלאזן!?) איבערלאזן א בלעטל פון לקוטי מוהר"ן, און זאגן עטליכע ווערטער פון ספר הנשרף אבער נישט איבערלאזן. (השואל: אין אלע שטעט?) וואו זיי קומען אין א שטאט אריין, זאלן זיי איבערלאזן א בלעטל לקוטי מוהר"ן, ס'איז געווען נאך בכתב, און זאגן עפעס פון ספר הנשרף, אזעלכע צוויי צדיקים.

(רח"ש: זיי האבן געהאט בזיונות?) בזיונות! - אבער נאך נישט דאס דאזיגע (אליין).

זיי האבן דאך געוואוסט אז דער רבי האט זיי אזוי ווייט אנגעזאגט אז דאס לעבן פונעם קינד הענגט אן אין די נסיעה, און דער רבי זאגט: 'עס וועט אויף אייך אסאך איבערגיין, איר זאלט זיך האלטן!' און ווען זיי זענען געקומען, האט דער רבי געזאגט: דאנקען גאט וואס איך זעה אייך לעבעדיג, איך האב געמיינט איך וועל אייך שוין נישט זעהן! איז עפעס א אנדער סארט איבערגייעכטס געווען אויף זיי.

(אחד הנוכחים: אין כוכבי אור ברענגט ער: מען האט זיי חושד געווען פאר גנבים[לו]) פון דעם אליין וואלטן זיי נאכנישט געווען (צוריקגעקומען).

---

[לד] עי' חיי מוהר"ן קע"ד-ו. ובאות קע"ז כתב, וז"ל: וְהִזְהִיר אוֹתִי אָז לְהִתְפַּלֵּל עַל הַיֶּלֶד הַיָּקָר שֶׁלּוֹ שְׁלֹמֹה אֶפְרַיִם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה כִּי הָיָה לוֹ חֳלִי הַהוּסְט [שִׁעוּל] אָז, וְהִזְהִיר אוֹתִי מְאֹד לְהַרְבּוֹת בִּתְפִלָּה עֲבוּרוֹ וְאָמַר יָדַעְתִּי כְּשֶׁמָּסַרְתִּי זֶה הַסֵּפֶר לְיַד הָאֲנָשִׁים הַנַּ"ל שֶׁיִּקְחוּ עַצְמָם וְיִתְגַּבְּרוּ עַל הַתִּינוֹק הַזֶּה (הַיְנוּ הַמְקַטְרְגִים), וְגַם הָאִישׁ שֶׁמָּסַרְתִּי הַסֵּפֶר הַנַּ"ל לְיָדוֹ (הַיְנוּ אֶחָד מִשְּׁנֵי אֲנָשִׁים הַנַּ"ל), הִזְהַרְתִּיו מְאֹד מְאֹד בְּעֵת שֶׁמָּסַרְתִּי לְיָדוֹ הַסֵּפֶר לְמַעַן הַשֵּׁם שֶׁיִּהְיֶה נִזְהָר לְהִתְפַּלֵּל וּלְהַעְתִּיר עַל הַתִּינוֹק הַנַּ"ל, וּבַעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים הִתְגַּבֵּר הַקִּטְרוּג עַד שֶׁנִּסְתַּלֵּק בְּאוֹתוֹ הַקַּיִץ הַתִּינוֹק הַנַּ"ל.

[לה] עי' קו' טעם זקנים כ"ז, בזה"ל: "אבער דער רבי האט רבי נתן נישט געשיקט! דער רבי האט געוואוסט טאקע אז רבי נתן וועט זיין אן 'עקשן', און ער וועט נישט נאכגעבן זיך, האט דער רבי געהאט מורא פאר אים! דער רבי האט דאך געזאגט פאר זיי "דאנקען גא-ט וואס איך זעה אייך, איך האב געמיינט אז איך וועל אייך שוין נישט זעהן"!".

[לו] עי' כוכ"א, אנשי מוהר"ן כ"ה (השני).

אז זיי זענען געקומען קריק - אזעלכע צדיקים! וואס דארטן איז געווען קען מען נישט פארשטיין, מען קען נישט פארשטיין!

אז זיי האבן געוואוסט וואס דאס הייסט, און זיי זענען נאך געקומען קריק - די צוויי הימל אידן - ביידע, זיי זענען געקומען קריק, איז געווען עפעס אנדערע סארט איבערגייעכטסער, נישט אזוי סתם גנבים.

(אויב נאר אז מען האט זיי חושד געווען פאר גנבים -) איז דא א תורה 'ידום וישתוק!'[לז] - מען שווייגט און שוין, נאר נישט דאס איז (געווען) אינגאנצן, מסתם איז געווען עפעס העכערס!

❖❖❖

# 'רצתי אחר צבי' - כאפן דעם הערש!

(חסר) 'אַתְּ' איז לשון נקבה, 'ואם ככה אַתְּ עושה לי'[לח] (דהיינו, שמרע"ה אמר:) - איך זאל ווערן בחינת נקבה, דאס הייסט; אראפ פון די מדריגה, ווייל איך בעסער - 'הרגני נא' - ווייל איך נישט לעבן. רש"י זאגט דארט: 'תשש כחו כנקבה', און דער זוהר ברענגט[לט], א קלענערע מדריגה, פון זכר לנקבה, דאס ווייל איך נישט.

(רנ"ב: דער רבי האט אויך געזאגט: אז איך זאל נישט אויספירן, איז נישט ניחא מיין לעבן!)

פאר'ן הערש! "אויב איך זאל נישט כאפן דעם הערש, איז מיין לעבן נישט קיין לעבן!" דער רבי האט יא געכאפט דעם הערש, ער איז געקומען אין ארץ ישראל, 'צבי לא הגעתי' - דארטן (בתורה נ"ה אות ט') 'בחינת ארץ ישראל'[מ].

(רמ"ב: 'רצתי אחר צבי, ונכנסתי בקולית של מת'?) יא, 'צבי לא הגעתי' - בחינת ארץ ישראל!

---

[לז] ליקו"מ קמא סי' ו'

[לח] אצל פרשת מתאוננים (במדבר י"א, ט"ו)

[לט] עי' זוהר בהעלותך קנ"ה:

[מ] וז"ל שם, באות ט': וְזֶהוּ שֶׁאָמַר אַבָּא שָׁאוּל: 'קוֹבֵר מֵתִים הָיִיתִי' – שֶׁהָיְתָה הִשְׁתַּדְּלוּתוֹ תָּמִיד לִרְאוֹת בְּהַכָּרַת 'רְשָׁעִים שֶׁבְּחַיֵּיהֶם קְרוּיִין מֵתִים' (בְּרָכוֹת יח:). פַּעַם אַחַת רַצְתִּי אַחַר צְבִי, כִּי עִקַּר מַפַּלְתָּן שֶׁל רְשָׁעִים, הוּא עַל־יְדֵי יְרֻשַּׁת אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, עַל־יְדֵי הַמְשָׁכַת קְדֻשַּׁת אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, בִּבְחִינַת: "שֵׁב לִימִינִי" וְכוּ' כַּנַּ"ל, וְאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל "צְבִי הִיא לְכָל הָאֲרָצוֹת" (יְחֶזְקֵאל כ). וְנִכְנַסְתִּי בְּקוּלִית שֶׁל מֵת, הַיְנוּ שֶׁרָצָה לְתַקֵּן קוֹלוֹת הַנַּ"ל. וְרַצְתִּי אַחֲרָיו שָׁלֹשׁ פַּרְסָאוֹת, הַיְנוּ בְּחִינַת הַתְּפִלָּה, שֶׁהֵם שָׁלֹשׁ תְּפִלּוֹת, וְעַל יָדָם מִתְנוֹצֵץ אוֹר שְׁלֹשֶׁת אָבוֹת, שֶׁהֵם בִּבְחִינַת רַגְלֵי הַכִּסֵּא, כְּדֵי לְהַמְשִׁיךְ אוֹר אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, שֶׁהִיא בְּחִינַת צְבִי הַנַּ"ל. וּצְבִי לֹא הִגַּעְתִּי, וְקוּלִית לֹא כָּלְתָה. שֶׁלֹּא הִשִּׂיג בְּחִינַת אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, בִּטּוּל קוֹלוֹת הַנַּ"ל. וּכְשֶׁחָזַרְתִּי לַאֲחוֹרַי וכו', עיי"ש.

(השואל: דער רבי האט געזאגט די שיחה אויף די תורה צוזאמען?) **דאס קען מען נישט וויסן.**

**'צבי לא הגעתי' - 'שלא השיג בחינת ארץ ישראל!'** (ולכאורה קשה:) **אבא שאול איז דאך יא געווען** (בארץ ישראל), **'אבא שאול' איז געווען א תנא אין 'ארץ ישראל'? 'צבי לא הגעתי' - 'שלא השיג בחינת ארץ ישראל'.**

**'אבא שאול ארוך בדורו הוה' - זאגט די גמרא[מא], 'דער גרעסטער מענטש אין דער דור איז ער געווען', רבי טרפון וואס איז אויך 'ארוך בדורו הוה' - איז ער געקומען 'לכתפו' צו אבא שאול.**

❖

(רמ"ב: ר' אברהם ר' נחמן'ס ברענגט אין תורה כ', אז ס'איז א וואונדער אז דער רבי האט זיך נישט גע'עקשנ'ט אויף קיין שום זאך; די איינציגע זאך וואס דער רבי האט זיך גע'עקש'נט ביזן סוף איז אויף ארץ ישראל, און ער זאגט נישט פארוואס, ער ענטפערט נישט[מב]; אפשר דערפאר ווייל דער רבי זאגט ווייל מיין לעבן איז קיין לעבן נישט אז ער כאפט נישט דעם הערש!)

**דער רבי איז געווען ביי ר' נפתלי כ"ץ[מג] אויפן ציון[מד], ער איז געקומען דארטן, איז ער פארשלאפט געווארן** (חָלָה), **און ער האט געזאגט אז רבי נפתלי האט אים געוואלט פאר א שכן! ער האט געוואלט אז ער זאל דארט נסתלק ווערן, מיר רעדן פון אזעלכע זאכן, מיר רעדן - איך וויים? פון 'עץ החיים בתוך הגן', מיר וויסן נישט וואס מיר רעדן,** (מיר רעדן) **אין עולם אצילות, מיר רעדן! - וואס דארטן האט זיך געטון, וואס און ווען...** (אין לנו שום השגה כלל).

**דאס וויסן מיר אז דער רבי איז געווען אין ארץ ישראל! דער בעל שם הקדוש איז נישט געווען אין ארץ ישראל, נאך צדיקים זענען געפארן און זיי זענען נישט געקומען קיין ארץ ישראל, רבי נפתלי כ"ץ, ר' לייב טראסטינעצער[מה] איז נפטר געווארן אינמיטן וועג, און רבי נפתלי איז נפטר געווארן אין איסטאנבול.**

---

[מא] נדה כ"ד: תניא אבא שאול אומר קובר מתים הייתי; פעם אחת נפתחה מערה תחתי ועמדתי בגלגל עינו של מת עד חוטמי. כשחזרתי לאחורי, אמרו עין של אבשלום היתה. ושמא תאמר; אבא שאול ננס הוה, אבא שאול ארוך בדורו הוה. ורבי טרפון מגיע לכתפו ור' טרפון ארוך בדורו הוה ור"מ מגיע לכתפו רבי מאיר ארוך בדורו הוה ורבי מגיע לכתפו רבי ארוך בדורו הוה ורבי חייא מגיע לכתפו ורבי חייא ארוך בדורו הוה ורב מגיע לכתפו רב ארוך בדורו הוה ורב יהודה מגיע לכתפו ורב יהודה ארוך בדורו הוה ואדא דיילא מגיע לכתפו.

[מב] עי' השמטות והשלמות בסוף ביאור הליקוטים, תחת הכותרת: 'ארץ ישראל'.

[מג] בעל בעל ה'סמיכת חכמים' שנסתלק בעת עלותו לאר"י ב'איסטאנבול ש'בטורקיה.

[מד] עי' שבחי הר"ן חלק שני י"ב.

[מה] חותנו של הרה"ק רבי יודל תלמיד רבינו. עי' חיי מוהר"ן תרי"א - בענין נסיעתו לא"י

(השואל: דער גאון?) (רמ"ב: עס שטייט אין די הקדמה צום ביאור הגר"א אויף דעם שלחן ערוך, זיין זוהן שרייבט, אז מען האט אים געוויזן פון הימל נישט צו פארן) **אבער צדיקים וואס עקשנ'ען זיך, קוקן נישט. וואס מען ווייזט פון הימל קוקן זיי נישט! זיין לעבן איז קיין לעבן נישט - 'אויב נישט כאפן דעם הערש איז מיין לעבן נישט ניחא!'.**

(השואל: ווי אזוי איז געווען דער לשון פון רבי'ן?) **'אויב איך זאל נישט כאפן דעם הערש איז מיין לעבן נישט ניחא'** (או כך היה לשונו:) **'איז מיין לעבן קיין לעבן נישט!'.**

(רמ"ב: אין כוכבי אור שטייט עס, דארטן ביי די משלים[מו]. (רנ"ב: דער משל שטייט יא, אבער דער אויספיר?)

(חסר, וכנראה שמספר המשל שסיפר רבינו ממלך אחד שהלך עם פמלייתו לצוד צבאים, ורדפו אחרי צבי אחד וכו'[מז]) - **נאכגעלאפן א הערש, און דער הערש איז אנטלאפן, און אלע זענען זיך צולאפן, 'אויב איך זאל נישט כאפן דעם הערש, איז מיין לעבן קיין לעבן נישט, און ווער ס'וויל זאל מיר קומען דארטן** (העלפן)**'.**

(אחד הנוכחים: דא שטייט – בספר כו"א, סיפורים נפלאים – 'און ווער ס'וויל, זאל אוועקגיין'!) **"ווער ס'וויל זאל גיין מיט מיר, איך** (הנוכחים: מוז כאפן!)**".**

(רמ"ב: אויב איך זאל נישט כאפן דעם הערש איז מיין לעבן קיין לעבן נישט - און ווער האט עס געזאגט אז ס'גייט אויף ארץ ישראל?) **אוודאי, דער רבי זאגט** (חסר)**, דער רבי זאגט: וצבי לא הגעתי!**

❖

# 'שב לימיני'

(ממשיך לדבר על התורה 'אבא שאול' - בסי' נ"ה - השייכת לפרשת השבוע שעוסקת בפרה אדומה)

**דער אויבערשטער האט געזאגט צו 'אברהם אבינו'** (לפי פירוש רש"י, תהלים ק"י)**: זעץ זיך אוועק אין מיין ימין 'עד אשית אויביך הדם לרגליך'; דיינע אלע שונאים וועלן**

---

[מו] עי' שם ספורים נפלאים 'מעשה ממלך שרץ אחר צבי': הַמָּשָׁל מִמֶּלֶךְ שֶׁרָץ אַחַר צְבִי וְלֹא יָכֹל לְהַשִּׂיגוֹ, וְהֶעֱמִידוּ אֶת עַצְמָם הַשָּׂרֵי מְלוּכָה וְאָמְרוּ אֲדוֹנֵנוּ הַמֶּלֶךְ נַחֲזוֹר וְכוּ', עָנָה הַמֶּלֶךְ וְאָמַר אֲנִי אֶת הַצְּבִי מֻכְרָח לָצוּד וּמִי שֶׁרוֹצֶה לַחֲזוֹר יַחֲזוֹר וְכוּ'.

[מז] עי' שיש"ק ח"א, אות תקכ"ו.

**האבן א מפלה, זעץ זיך אוועק ביי מיין ימין. זאגט דער רבי[מח], דורך ארץ ישראל זעהט מען א מפלה** (ברשע).

**דער רבי האט געזאגט: "איך בין געקומען אין ארץ ישראל האב איך געבראכט א מתנה, מחלוקת!". ווען נישט ארץ ישראל וואלטן מיר בשום אופן נישט געקענט אויסהאלטן די מחלוקת. נאר בכח וואס דער רבי איז געווען אין ארץ ישראל, איז דא אזא מין כח אז 'שב לימיני עד אשית אויביך'.**

(רבינו אמר:) **איך האב אייך געבראכט א מתנה, מחלוקת; אז ארץ ישראל איז א מתנה אז מען זאל קענען אויסהאלטן די מחלוקת! ווען נישט** (ארץ ישראל) **וואלט מען בשום אופן נישט געקענט אויסהאלטן.**

❖

**'שב לימיני' - אונזערע לייט פלעגן זאגן: זעץ זיך אוועק ביי 'ימין', פארוואס זעץ זיך אוועק? אז איינער שטייט, איז נאך נישט קביעות'דיג.**

**- זיץ!**

**די גמרא ברענגט אין נדרים[מט]: אז איינער האט געמאכט א נדר אז ער זאל נישט הנאה האבן פון יענעם, מעג ער אריינגיין מבקר חולה זיין, אבער שטיין, נישט זיצן. זיצן איז שוין מער קביעות, 'זעץ זיך אוועק' ביי מיין ימין, דאס הייסט א קביעות אין ארץ ישראל, שב לימיני!**

**מען רעדט דאך פון דעם דיבור וואס דער רבי האט געזאגט: 'איך האב געבראכט א מתנה, מחלוקת' - דאס האט א שייכות מיט דער זאך פון דער תורה: 'שב לימיני' - נאך ארץ ישראל, אז מיר האבן ארץ ישראל, איז שוין מחלוקת א מתנה!**

**דערפאר האט רבי נתן אויך געמוזט זיין אין ארץ ישראל, האט ער געקענט אויסהאלטן די מחלוקת** (רמ"ב: וואספארא יאר איז ר' נתן געווען אין ארץ ישראל?) **פ"ב[נ].** (און

---

[מח] עי' ליקו"מ סי' נ"ה, אות א': דַּע, כִּי לִרְאוֹת בְּמַפַּלְתָּם שֶׁל רְשָׁעִים אִי אֶפְשָׁר, אֶלָּא עַל־יְדֵי בְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים ק"י): "שֵׁב לִימִינִי עַד אָשִׁית אוֹיְבֶיךָ הֲדֹם לְרַגְלֶיךָ". יָמִין, זֶה בְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. בְּחִינַת בִּנְיָמִין, בֶּן יָמִין, שֶׁנּוֹלַד בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל (כַּמּוּבָא בְּפֵרַשִׁ"י פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח)

[מט] דף לח:

[נ] עי' ימי מוהרנ"ת חלק שני, סיפור נסיעתו.

דערפאר) האט ער געקענט אויסהאלטן די מחלוקת, ווייל ער איז געווען אין ארץ ישראל! 'שב לימיני עד אשית אויביך!'

אויף רבי נתן'ען איז געווען נאך מער - אויפן רבי'ן איז געווען נאר - - אויף ר' נתן'ען איז געווען געוואלדיג, פשוט בפועל - ממש הרג'ענען. ביים רבי'ן איז דאס נישט געווען (רנ"ב: ר' אברהם ר' נחמן'ס שרייבט: 'כולהו כנגדו'[נא]) **'כולהו כנגדו'** - יא.

❖

פון רבי'נס תלמידים איז נאר געווען (אין ארץ ישראל) ר' שמעון'לע, ער ליגט אין ארץ ישראל[נב], ווייטער קיינער נישט, נאר ר' נתן איז געווען אין ארץ ישראל! לויט דער תורה איז טאקע זייער גוט, שב לימיני עד אשית אויביך (- שעי"ז היה לו הכח לסבול עוצם המחלוקת).

ר' נתן טאקע, פאר די הסתלקות האט ער געבעטן ביים בענטשן: 'הרחמן הוא ימשיך לנו קדושת ארץ ישראל'[נג].

❖

אונזערע לייט האבן ברוך השם א שיינעם ישוב ברוך השם אין ארץ ישראל, אלס ווייל דער רבי איז געווען אין ארץ ישראל, רבי נתן איז געווען אין ארץ ישראל.

(רנ"ב: ר' אברהם בער'ניו איז געווען אין ארץ ישראל?) ווייסט מען נישט. דער רב - דער טשעהרינער רב איז געווען[נד], ר' אבא'לע, און איינער ר' יעקב[נה], ר' אברהם בער'ניו שטייט נישט, איך ווייס נישט, א זאך וואס שטייט נישט קען מען נישט וויסן (רמ"ב: ר'

[נא] עי' כוכב"א חו"ב מ"ג: גַּם רְאֵה זֶה מַה שֶּׁמָּצָא אֶחָד מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ (בְּרֵאשִׁית דַּף כ"ח ע"א שׁוּרָה ט') לְעִנְיַן זֶה, וּלְעִנְיַן הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁעָלָיו מְבֹאָר שָׁם בְּזֶה הַלָּשׁוֹן "וּבְגִין דָּא - מֹשֶׁה לָא מִית, וְאָדָם אִתְקְרֵי אִיהוּ, וּבְגִינֵהּ אִתְּמַר בְּגָלוּתָא בָּתְרָאָה וּלְאָדָם לֹא מָצָא עֵזֶר אֶלָּא כֻּלְּהוּ כְּנֶגְדּוֹ"

[נב] בבית החיים העתיק בעיר טבריא

[נג] עי' מכתב הסתלקותו בסוף ס' עלים לתרופה

[נד] עי' בהקדמה לספרו זמרת הארץ

[נה] עי' עלים לתרופה מכתבי ר' יצחק, י"ג: אָמַרְתִּי לְהוֹדִיעָם מִשְּׁלוֹמֵנוּ הַטּוֹב, אֲשֶׁר בְּיוֹם ג' בְּחֻקֹּתַי בָּאתִי יַחַד עִם הָרַב דְּמַחֲנֵנוּ (מטשעהרין) וְעִם יְדִידֵנוּ הָרַב יַעֲקֹב נֵרוֹ יָאִיר בֶּן רַבִּי צְבִי לְפֹה יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקֹּדֶשׁ תִּבָּנֶה וְתִכּוֹנֵן בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן. וַאֲבַקֵּשׁ לִפְרֹס בִּשְׁלוֹם יְדִידֵנוּ הַוָּתִיק מוֹרֵנוּ הָרַב נַחְמָן נֵרוֹ יָאִיר הַלֵּוִי הַיּוֹשֵׁב בְּאוּמַאן, וּבִשְׁלוֹם כָּל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ הַיְקָרִים. הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְזַכֵּנוּ לְקַבֵּל אֶת הֶחָג הַקָּדוֹשׁ הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, וְנִזְכֶּה לְקַבֵּל הַתּוֹרָה לִשְׁמֹר לַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם לָגִיל וְלָשִׂישׂ בְּאוֹרָהּ. דִּבְרֵי יְדִידָם אוֹהֲבָם מֵאָז אַבְרָהָם **אַבָּא** רַאבִּינָאוִויטְשׁ מִטְשֶׁעהְרִין.

נחמן טולטשינער איז געוועןָ?) **ווייס איך נישט, מען ווייסט נישט,** (רמ"ב: ר' אייזיק'ל איז געוועןָ![נו]) **ר' אייזיק פון אומאן איז געוועו.**

❖

# 'אשת נעורים'

**דאס ווייסט מען דאך, אז ביים רבי'ן איז געווען די ענין פון 'זיך גט'ן' זייער באזהרה אויף נישט!** (רנ"ב: ר' נתן שרייבט צו ר' יצחק וועגן ר' יעקב[נז]) **יא, יא, אוודאי, אשת נעורים זאל מען נישט** (בוגד זיין)**. די אלע וואס האבן געמאכט גיטין זעען מיר דאך ארוים וויפיל צרות זיי האבן געהאט פון די גיטין![נח]**

(רח"ש: דער בעל שם טוב האט געזאגט, ער וואלט ארויף געגאנגען אינמיטן שוק?) **יא יא, ווען ער זאל וועו האבן אשת נעורים![נט]** (רמ"ב: קרענקן זאלסטו, לעבן זאלסטו - האט דער רבי געזאגט!)

**נו, דאס ווייסן מיר אז ביים רבי'ן איז געווען געוואלדיג א אזהרה אויף נישט צו גט'ן[ס].**

---

[נו] ר' אייזיק'ל אייזנשטיין מאומאן, שבנה הקלויז מחדש בשנת תרס"ג.

[נז] עי' על"ת מכתב ס"ד: **וְהִנֵּה אַתֶּם בְּעַצְמְכֶם מְבִינִים שֶׁאֵין רְצוֹנִי בְּשׁוּם אֹפֶן שֶׁיְּגָרֵשׁ** (ר' יעקב) **אֶת אִשְׁתּוֹ הָרִאשׁוֹנָה,** שֶׁהַמִּזְבֵּחַ מוֹרִיד עַל זֶה דְּמָעוֹת (גִּטִּין צ:), **וּמִי יוֹדֵעַ כַּמָּה יִתְעַגֵּן עַד שֶׁיִּשָּׂא הַשְּׁנִיָּה!?** וְאִם תִּהְיֶה כִּרְצוֹנוֹ, מִכָּל שֶׁכֵּן הַחוֹתֵן וַחֲמוֹתוֹ וְהָעִיר וְכוּ' אֵיךְ יִהְיֶה, אִם לֹא יִהְיֶה גְּרוּעִים מִזֶּה, וּכְפִי עִסְקֵי הָעוֹלָם שֶׁהָרֹב אֵינָם מַסְכִּימִים שֶׁחֲתָנָם יִפְרֹק עֹל הָעוֹלָם וְיַעֲסֹק רַק בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁיִּהְיֶה נִקְרָא חֲתָנָם עַל שְׁמֵנוּ וְכוּ', בִּפְרָט אִשָּׁה בְּכָל אֵלֶּה לֹא יִמָּצֵא, שֶׁיִּהְיֶה נִמְלָט מִכָּל הַיִּסּוּרִים שֶׁיֵּשׁ לְכָל מִי שֶׁרוֹצֶה לְהִתְקָרֵב אֵלֵינוּ לָגֶשֶׁת אֶל קְדֻשַּׁת אֲמִתַּת הָאֱמֶת. וּמִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ שֵׂכֶל מְעַט בְּקָדְקֳדוֹ וּבָקִי מְעַט בְּהִתְנַהֲגוּת הָעוֹלָם עַתָּה, יָכוֹל לְהָבִין כָּל זֶה בְּנָקֵל וכו'... עַל כֵּן אִם הוּא רוֹצֶה לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת, וְלַחְשֹׁב בֶּאֱמֶת עַל תַּכְלִיתוֹ הַנִּצְחִי אֵין טוֹב לְפָנָיו, כִּי אִם לְתַוֵּךְ הַשָּׁלוֹם, וּבְאֵשֶׁת נְעוּרָיו אַל יִבְגֹּד חָלִילָה, עיי"ש פנים.

[נח] עי' אוצר היראה, ערך אמונה, אות ר"י, וז"ל שם: וְכֵן בְּכַמָּה דְּבָרִים, שֶׁיֵּשׁ בְּנֵי־אָדָם שֶׁיֵּשׁ לָהֶם יִסּוּרִים גְּדוֹלִים מִנְּשׁוֹתֵיהֶם, וּמֵחֲמַת זֶה הֵם רוֹצִים לְגָרְשָׁם, אַךְ עַל־פִּי־רֹב אִי אֶפְשָׁר לָהֶם לְהוֹצִיא מַחֲשַׁבְתָּם לְפֹעַל מַמָּשׁ, כִּי הָאִשָּׁה אֵינָהּ רוֹצָה בָּזֶה אוֹ מֵחֲמַת מְנִיעוֹת אֲחֵרוֹת, וּבִשְׁבִיל זֶה הֵם גּוֹרְמִים לְעַצְמָם עַל־פִּי־רֹב יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים מְאֹד וּמְלֵאִים קְטָטוֹת וּמְרִיבוֹת וְכַעַס וּמַכְאוֹבוֹת בְּכָל עֵת, וְעַל־פִּי־רֹב הֵם נָעִים וְנָדִים וּמְטֻלְטָלִים וְסוֹבְלִים יִסּוּרִים עֲצוּמִים בִּשְׁבִיל זֶה, וּצְרִיכִין לִשְׁאֹל לָהֶם גַּם־כֵּן: **וְכִי כָּךְ הוּא הָעֵצָה?! אֲפִלּוּ הָיָה יָכוֹל לְמַלֹּאת רְצוֹנוֹ וּלְגָרֵשׁ אֶת אִשְׁתּוֹ בִּשְׁבִיל שֶׁסּוֹבֵל מִמֶּנָּה בֶּאֱמֶת יִסּוּרִים הַרְבֵּה, אֲבָל מִי יוֹדֵעַ, אוּלַי אִשְׁתּוֹ הַשְּׁנִיָּה תִּהְיֶה גְּרוּעָה וְרָעָה עוֹד בְּיוֹתֵר? כַּאֲשֶׁר נִמְצָא בֶּאֱמֶת עַל־פִּי־רֹב!** וּבִפְרָט שֶׁהִזְהִירוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל שֶׁלֹּא לְגָרֵשׁ אִשְׁתּוֹ רִאשׁוֹנָה וְכוּ', וּבִפְרָט מֵאַחַר שֶׁיֵּשׁ לוֹ מְנִיעוֹת גַּם־כֵּן עַל זֶה, וְכִי זוֹ הִיא הָעֵצָה לְבַלּוֹת יָמָיו בִּקְטָטוֹת וּמְרִיבוֹת וְכַעַס וּמַכְאוֹבוֹת וּלְהַעֲמִיק מַחֲשַׁבְתּוֹ בִּתְמִידוּת בְּהַחֶסְרוֹנוֹת שֶׁנִּמְצָאוּ בְּאִשְׁתּוֹ וּבְהַיִּסּוּרִין שֶׁסּוֹבֵל מִמֶּנָּה, וְלַחְשֹׁב תַּחְבּוּלוֹת אֵיךְ לְהִנָּצֵל מֵהֶם, אֲשֶׁר בֶּאֱמֶת אֵין עֵצָה וְתַחְבּוּלָה לָזֶה, כִּי־אִם "בִּרְצוֹת ה' דַּרְכֵי אִישׁ, גַּם אוֹיְבָיו יַשְׁלִם אִתּוֹ", וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל: זוֹ אִשְׁתּוֹ; וּכְבָר אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל (תיקו"ז תיקון ס"ה, עמ' צ"ו.): גַּרְמָא דְּנָפַל בְּחוּלָקָךְ, טָב אוֹ בִּישׁ - גָּרְרֵהּ וְכוּ'.

[נט] עי' אבניה ברזל, נ"ח: פַּעַם אַחַת אָמַר הַבַּעַל שֵׁם טוֹב ז"ל: **אִם הָיָה לִי זוּגָתִי הָרִאשׁוֹנָה הָיִיתִי עוֹלֶה לַמָּרוֹם בְּאֶמְצַע הַיּוֹם בְּשׁוּק מְעֻזְבּוּז לְעֵינֵי כֹּל וְלֹא כְּמוֹ אֵלִיָּהוּ שֶׁעָלָה בַּמִּדְבָּר.** וּפַעַם אַחַת אָמַר רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ: **אִם הָיִיתִי יוֹדֵעַ גֹּדֶל הָעִנְיָן שֶׁל הַזִּוּוּג הָרִאשׁוֹן, הָיִיתִי אוֹמֵר קְרֶענְקִין זָאלְסְטוּ אוּן לֶעבִּין זָאלְסְטוּ** (תֶּחֱלֶי אֲבָל תִּחְיֶי)**, כִּי זוּגָתוֹ הָיְתָה חוֹלָה זְמַן רַב.**

און אמאל קען זיין אזעלכע זאכן (אז ממש דער מענטש טראכט:) 'וואס קען איך דא טאן!?'.

- (אבער) דער רבי האט געגעבן א 'מחאה' אז מען זאל נישט טשעפען!

מען דארף האבן התחזקות אז עס זאל אים נישט אַרן אירע רייד און אירע געוויין. מען דארף וויסן: דו ביסט דאך א ברסלב'ער חסיד!

אזעלכע גדולים איז געווען ביי אונז - מיר האט מען דערציילט פון ר' פסח זאסלאבסקי - ער איז געווען דער גבאי פון אונזערע לייט[סא] צוריק מיט הונדערט יאר, ער איז געווען א איד א [צדיק], (רנ"ב: אין די צייט פון טשעהרינער רב!) אוודאי, (רמ"ב: דער טשעהרינער רב האט געמאכט דעם גט?!) יא.

(היתה לו אשה רעה שהיתה מביישת אותו וגערה בו אף באמצע השוק, והוא בצדקתו היה מוותר לה על דבריה הנבזים (שיש"ק ח"ה אות ק"ס))

(פעם אחת בליל פסח בעת הסדר) - איז געווען, וואס זי האט אים געווארפן דאס פלעשל וויין אין קאפ אריין ביים סדר, זי האט אים צובלוטיגט ביים סדר: 'אזא וויין גיבסטו מיר?!'.

(אזוי וייט) האבן אונזערע לייט געהאט בזיונות, (עד שאמרו לו): אז 'דו' ליידסט, אבער מיר קענען דאך נישט ליידן (על שביזתה אותו כל כך גם ברחוב). האט ער געזאגט: "אט דאס איז מיין ביין!"[סב] דאס איז דאס, דאס איז מיין ביין און שוין, ער האט בשום אופן נישט געוואלט איר גט'ן, דער טשעהרינער רב האט אים גענייט, ער האט געמוזט געבן א גט.

[הרב אמר לו: אם היא מייסרת אותך בביתך והנך מוכן לסלוח – זכותך היא, אבל כשהיא מתנהגת כך בשוק, זה כבר בזיון לכל אנ"ש, ואינם חייבים לסבול (שיש"ק)]

---

[ס] עי' ליקו"מ תנ' סי' צ': אִם הִיא אִשָּׁה רָעָה, תִּזָּהֵר לְבַל תִּבְגֹּד בָּהּ, רַק תְּקַבֵּל בְּאַהֲבָה, כִּי עַל־יְדֵי־זֶה אֵינְךָ רוֹאֶה פְּנֵי גֵיהִנֹּם כַּנַּ"ל. גם עי' שיחות הר"ן רס"ג: סִפֵּר לִי אֶחָד שֶׁהָיָה מֵשִׂיחַ עִמּוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מֵעִנְיַן בְּנֵי הַנְּעוּרִים שֶׁשָּׁכִיחַ מְאֹד שֶׁנַּעֲשֶׂה קִלְקוּל בֵּינֵיהֶם וּבֵין נְשׁוֹתֵיהֶם וְנִפְרָדִים זֶה מִזֶּה אֵיזֶה זְמַן, וְלִפְעָמִים נַעֲשֶׂה מִזֶּה פֵּרוּד לְגַמְרֵי חַס וְשָׁלוֹם. אָמַר שֶׁזֶּה מַעֲשֵׂה בַּעַל דָּבָר שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם, עַל יְדֵי זֶה. כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם וְהֶאֱרִיךְ בְּשִׂיחָה זֹאת. גם עי"ש - שיחה רס"ד.

[סא] ראש השנה באומאן (עי' טובות זכרונות עמ' קל"ה).

[סב] ע"פ התקו"ז תיקון ס"ה (עמ' צ"ו.), וז"ל: וְעַל אִתְּתָא דְאִתְנְטִילַת מִגַּרְמָא אָמַר בֶּן סִירָא: גַּרְמָא דְנָפִיל בְּחוּלָקָךְ 'טַב' אוֹ 'בִּישׁ' - גָּרְרֵיהּ!

**ער האט געמוזט געבן א גט, ער האט איר געדונגען א באזונדערע דירה, אלע יארן האט ער איר אויסגעהאלטן, א באזונדער מעשה געווען דארטן.**

❖

)חסר - כנראה שמדבר אודות אשת מוהרנ"ת בזוו"ר מרת אסתר שיינצא בת הגה"ק רבי דוד צבי הגדול שחלתה במחלה קשה, ובאה אל רבי יודל שיתפלל בעדה(

**זי האט געוויינט פאר ר' יודל'ען אז זי איז קראנק, ר' יודל האט גארנישט געענטפערט, אז זי איז אוועקגעגאנגען האט ר' יודל געזאגט: "וואס זאל איך טאן?' רבי נתן דארף נאך האבן צוויי קינדער!" און זי איז נפטר געווארן, און ר' נתן האט געה אט צוויי זין )**מזיווג שני( **, ר' נחמן'ען מיט ר' יוסף יונה'ען!**

❖

# 'ובכל מאדך'

(מתוך שיעור בבית המדרש בתורה ס', אות ד'[סג])

**ביי שקלים שטייט: 'העשיר לא ירבה'. דער רבי זאגט דריי בחינות ווי אזוי מען זאל איינטיילן די געלט: בפרקמטיא, בקרקע, און בידו - דאס איז די דריי וואס ווערט דערמאנט אין די תורה דריי מאל** (עשירות)**.**

(חסר) **- משא ומתן דאס איז די שליש שבפרקמטיא, עס שטייט אין די תורה עשירות, אונז צו ווייזן, אז מען דארף יא משא ומתן** (לאפוקי מסדום)**.**

**'ושליש שבקרקע הוא כנגד העשירות שנזכר אצל רחל ולאה, כי באמת עיקר העשירות הוא רק בשביל התבוננות וכו"**

(חסר הרבה - מדבר על ענין 'שליש בידו' שמביא שם רבינו)

**ער איז אזוי פארדרייט מיט די געלט אז ס'קומט צו געבן - ער האט קיין געלט נישט, ס'ליגט אין קרקע, ס'ליגט דארטן** (באיזה השקעה)**, און ער האט נישט קיין געלט,** (דאס איז אבער נישט ריכטיג, נאר) **א 'שליש בידו' דארף זיין אויף צו געבן צדקה, און א**

---

[סג] וז"ל שם: וְצָרִיךְ שֶׁתִּתְפַּשֵּׁט הַיִּרְאָה עַל כָּל חֶלְקֵי עֲשִׁירוּת, שֶׁהֵם נַחֲלַת אָבוֹת כַּנַּ"ל. דְּהַיְנוּ בְּחִינַת שָׁלֹשׁ קַוִּין, בְּחִינַת (בָּבָא מְצִיעָא מ"ב): 'לְעוֹלָם יְשַׁלֵּשׁ אָדָם מָעוֹתָיו, 'שְׁלִישׁ בִּפְרַקְמַטְיָא', 'וּשְׁלִישׁ בְּקַרְקַע', 'וּשְׁלִישׁ בְּיָדוֹ'. וּשְׁלֹשָׁה חֲלָקִים אֵלּוּ שֶׁיֵּשׁ בַּעֲשִׁירוּת, הֵם כְּנֶגֶד שְׁלֹשָׁה פְּעָמִים עֲשִׁירוּת שֶׁנִּזְכָּר בַּתּוֹרָה. כִּי בְּכָל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ לֹא נִזְכָּר עֲשִׁירוּת, כִּי־אִם שָׁלֹשׁ פְּעָמִים אֵלּוּ. דְּהַיְנוּ אֵצֶל סְדוֹם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית י"ד): "וְלֹא תֹאמַר אֲנִי הֶעֱשַׁרְתִּי אֶת אַבְרָם". וְאֵצֶל רָחֵל וְלֵאָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם ל"א): "כִּי כָל הָעשֶׁר אֲשֶׁר הִצִּיל אֱלֹקִים" וְכוּ'. וְאֵצֶל שְׁקָלִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת ל): "הֶעָשִׁיר לֹא יַרְבֶּה".

שליש דארף זיין בקרקע און א שליש בפרקמטיא. צו מקיים זיין דעם מאמר חז"ל איז זייער שווער מקיים צו זיין.

אז דער רבי ווייזט אן אויף שקלים (שזה מרומז אצל) 'שליש שבידו', (איז) א ראיה דערפון אז דער 'שליש בידו' זאל זיין וועגן 'צדקה'!

אין אומאן, געדענק איך, איז אויסגעקומען, איינער דארט איז געווען א פארמעגליכער, איינמאל ערב שבת - (קרה אצלו) ער האט נישט קיין געלט! ער דארף ארומגיין בארגן (אויף שבת) [ווייל ער האט נעכטן די גאנצע געלט פארטאן (- משקיע געווען) אין א מסחר. האט אים ר' מרדכי באברינעצער געגעבן איבערן קאפ: 'דו גייסט בארגן געלט? דו דארפסט טיילן געלט אויף צדקה!' - גייסטו בארגן געלט אויף שבת!? (השיב לו:) איך האב נעכטן געקויפט מיט דעם מסחר, די גאנצע געלט פארטאן. (אמר לו ר' מרדכי הנ"ל:) 'אזוי הייסט דער רבי האנדלען? 'שליש בידו', ס'קומט א פרייטאג דארפסטו טיילן געלט, צדקה פאר די ארעמעלייט, דארפסטו ארומגיין בארגן געלט?']

- אבער אז ער האט א שליש בידו, איז ער גרייט אויף צו געבן צדקה! ער מוז נישט אוועקגעבן דעם גאנצן שליש אבער ער דארף האבן געלט (בידו), אז נישט קען ער זיך אזוי פארדרייען אז ער האט נישט צו געבן, ער דארף גיין בארגן געלט אויף שבת!

פאלגן דעם רבי'ן אין משא מתן - אוי, ווינציג האבן געפאלגט דעם רבי'ן אין משא מתן.

ר' סנדר איז געווען א סוחר.

(חסר) ר' סענדר איז געקומען צוויי מאל א חודש אויפן ציון; אין האלב (אינמיטן) חודש, און ערב ר"ח. ער איז געווען א סוחר א גרויסער, פון 'שניט קראם' (חנות בדים). פלעגט ער די סחורה איינקויפן און אומאן, איז ער געקומען צו פארן, איז ער אריינגעגאנגען צום סוחר, ער האט אים געגעבן די צעטעלע: מארגן וועל איך קומען, זאל זיין די סחורה גרייט - פאר אזוי פיל געלט, שוין, און ער איז שוין אוועקגעגאנגען, ער האט שוין געארבעט (אויפן ציון בעבודת השם), ער האט שוין געארבעט א נאכט מיט א טאג, אה!

ר' סענדער האט אויסגעארבעט א צוועלף שעה, זיין עסן איז געווען ברויט מיט קוואס (בארשט), אמאל איז געווען די קוואס אזוי ווייט (פון א משקה), נישט אזוי ווי היינט, נאר אביסל געפארבטע וואסער, און די געלט האט ער צוטיילט אויף צדקות.

נאכדעם איז ער אריינגעגאנגען צום סוחר: די סחורה איז גרייט? יא, (ואמר לו:) "ר' סענדער - איך האב פארטאן דארט פאר נאך אפאר הונדערט פונט (סחורה), (ענה ר' סענדער) - ניין, נעמט אראפ! איך האב אייך געגעבן געלט נאר אזוי פיל.

(ענה לו הסוחר:) "ר' סנדר מיט שעמען זיך אראפצונעמען פון אייך, וועסטו אפגעבן דאס צווייטע מאל, (ענה לו ר' סענדר:) 'איר זאגט ניין? גיי איך שוין צו א צווייטן סוחר!' - "אזוי האט אונז דער רבי געהייסן: האנדלען, נאר געלט וויפיל איך האב! מער נישט!" האט ער געמוזט אראפנעמען אביסל סחורה און נאר געבן וויפיל געלט ער האט.

ער איז דארטן געווען איינס-צוויי פערטיג, און ער איז שוין אוועק, דאס איז געווען דעם רבי'נס סוחרים!

דער רבי זאגט, מען איז מקיים 'בכל מאודך', מען איז מקיים 'בכל מאודך' נאר מיט דיין געלט! נאר מיט דיין געלט זאלסטו האנדלען![סד]

מען האט ארויסגעזעהן בחוש טאקע, אז די וואס האנדלען מיט אנדערע געלט ווערן זיי אנזועצערם...

נאר מיט די אייגענע געלט האנדלען, ס'איז טאקע מסירת נפש!

❖

# שפע של אדם

והתגלות היראה - זאגט דער רבי - הוא על ידי פקידות עקרות, כי על ידי לידה נתגלה יראה, וכו' 'ויש שנפלו לבחינת שינה על ידי תאוות וכו' ויש שהם אנשים כשרים ויפים רק שנפילתם הוא על ידי אכילה, כי לפעמים כשאוכל האדם

---

[סד] עי' שיחות הר"ן רפ"ט: אָמַר לְאֶחָד שֶׁמִּי שֶׁאֵינוֹ לָהוּט וְנִבְהָל לְהוֹן, וְאֵינֶנּוּ נוֹשֵׂא וְנוֹתֵן יוֹתֵר מִכְּפִי מָמוֹנוֹ שֶׁיֵּשׁ לוֹ, רַק עוֹשֶׂה מַשָּׂא וּמַתָּן בֶּאֱמוּנָה בְּמָמוֹנוֹ לְבַד וְאֵינוֹ לוֹוֶה מֵאֲחֵרִים לַעֲשׂוֹת מַשָּׂא וּמַתָּן גָּדוֹל, זֶהוּ מְקַיֵּם "וּבְכָל מְאֹדֶךָ"! גַּם אָמַר לְאֶחָד, שֶׁכְּשֶׁנּוֹתְנִין חֹמֶשׁ לִצְדָקָה מִמָּמוֹנוֹ הוּא מְקַיֵּם וּבְכָל מְאֹדֶךָ!

מאכל שלא נתברר עדין למאכל אדם, עי"ז נופל מוחו לבחינת שינה, אזוי ווי בגשמיות זענען דא מאכלים וואס זענען מרבים שינה וכו'.

(דער מאכל גייט אריבער אסאך בירורים) דער לעצטער בירור איז - [די אכילה אליין] א חלק גייט אין מח.

אלע אברים ווערן 'ניזון' פונעם עסן. פון אלע בירורים: חרישה, קצירה, דישה וכו' - דאס לעצטע בירור איז, ביים עסן אליין! ער מאכט המוציא, ער גייט שוין עסן, דער רבי זאגט 'כשאוכל בקדושה ובטהרה', אז ער עסט בקדושה בטהרה, דאס הייסט דער בירור!

(רמ"ב: וואס איז פשט מאכל שלא נתברר עדיין למאכל אדם?) "כשאוכל בקדושה ובטהרה אזי הוא בחינת לחם הפנים"! דאס איז דער בירור!

(רמ"ב: איז נישט דער חסרון אין דעם מאכל - אין דעם מאכל שלא נתברר למאכל אדם!?) יא, דער מאכל איז מבורר געווארן למאכל אדם, אז איך גיב דעם מאכל צום טיש, דארף ער ווערן מבורר למאכל אדם.

דער רבי זאגט אין תורה (רס"ו) אז ס'איז דא א מאכל אדם – א מאכל בהמה, קעגן סוכה דארטן[סה]. א בהמה ווערט ניזון פון די רגלין, די דדי אדם זענען ביים הארץ, מאכל אדם, בינה, מען האט שוין כמה פעמים גערעדט -

אין די תורה פון סוכה רעדט דער רבי דאס דאזיגע, שפע של אדם איז א שפע פון בינה, ביים הארץ. קליינערהייט דער קינד זייגט, די דדי אשה זענען ביים לב, א בהמה איז גאר ביי די רגלין, אונטן, א מיאוס ארט. דאס פירט דער אויבערשטער בשעת דאס קינד איז נאך קליין, ער האט נישט קיין שכל, דער אויבערשטער האט אזוי געפירט, אז די דדים פון א מענטש זענען ביים הארץ.

אבער נאך די אלע יארן, ער ווערט שוין גרעסער, דארף ער אליין זעהן אז זיין שפע זאל גיין פון א העכער ארט, נישט א שפע אזוי ווי א בהמה עסט, א בהמה עסט דאך

[סה] וז"ל שם: וְזֶהוּ בְּחִינוֹת הַהֶבְדֵּל שֶׁבֵּין גֶּדֶר אָדָם לְגֶדֶר בְּהֵמָה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת י): "בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת ה' וְאַל תִּשְׁכְּחִי כָּל גְּמוּלָיו", שֶׁעָשָׂה לָהּ דַּדִּים בִּמְקוֹם בִּינָה, אֲבָל הַבְּהֵמָה יוֹנֶקֶת מִדַּדֵּי בְּהֵמָה לְמַטָּה, וְזֶהוּ הַהֶפְרֵשׁ שֶׁבֵּין גֶּדֶר אָדָם לִבְהֵמָה, שֶׁהָאָדָם יוֹנֵק מִדַּדֵּי אָדָם שֶׁהוּא בִּמְקוֹם בִּינָה, בְּחִינוֹת "אִם לַבִּינָה תִקְרָא" בְּחִינוֹת סֻכָּה. אֲבָל הַבְּהֵמָה יוֹנֶקֶת מִדַּדֵּי בְּהֵמָה שֶׁהֵם לְמַטָּה, וְעַל כֵּן כְּשֶׁפּוֹגֵם בְּמִצְוַת סֻכָּה, אֲזַי נוֹפֵל מִבְּחִינוֹת דַּדֵּי אָדָם שֶׁהֵם בִּמְקוֹם בִּינָה, בְּחִינוֹת סֻכָּה, וַאֲזַי נוֹפֵל לִבְחִינַת דַּדֵּי בְּהֵמָה, וְיוֹנֵק מִשָּׁם, נִמְצָא שֶׁיּוֹנֵק מִשֶּׁפַע שֶׁל הַבְּהֵמָה, וְעַל כֵּן יוֹנֵק אֶת חִיּוּתָם, עיי"ש.

אויך, זי עסט פון די רגלין, און דער מענטש עסט פון בינה, נאר קליינערהייט אזוי, אבער אלע יארן פון א מענטש, דארף ער וויסן אז ער איז א אדם און זיין שפע זאל נישט זיין אזוי ווי א בהמה.

'שפע אדם' זאגט דער רבי איז 'בינה', אה, ער עסט בקדושה ובטהרה, איז דאס לחם הפנים, "כי השכל הוא הפנים, עס שטייט: 'חכמת אדם תאיר פניו', אבל כשאין אכילתו בקדושה, פארלירט ער דעם פנים, ער ווערט אן דעם שכל, און ער פאלט אריין לבחינת שינה".

"כי עיקר המאכל הוא להחיות הלב וכו'. על כן צריך תיכף כשמתעורר להראות לו פניו ולהלביש אותו בפניו שנסתלק ממנו בשעת שינה!"[סו] ער האט דאך אנגעווארן זיין פנים, דער וועקער גיט אים א וויז דעם פנים וואס ער האט געהאט פריער, 'זעהסט ווי אזוי דיין פנים האט פריער געלויכטן?!' דערמיט וועקט ער אים אויף פונעם שלאף, ער ווייזט אים זיין פנים, און זעה וואס דו האסט אנגעווארן דעם פנים, ער איז אים מלביש זיין פנים אין דעם פנים וואס ס'איז אוועקגענומען פון אים בשעת שינה, דערמיט וועקט ער אים אויף, ער גיט אים א וויז: 'זעה וואס דו האסט פריער געהאט און וואס דו האסט איצטער!'

❖ ❖ ❖

(חסר ההמשך)

מען זעהט אפילו ביי ר' נתן'ען, ביים רבי'ן איז געווען אריינגעקומען אין א סוכה, רבי נתן האט געמאכט שאלות, דער רבי האט געזאגט: "יענער האט געהאט אזוי פיל (יגיעות) און דו מאכסט"... מסתם איז די סוכה געווען כשר על פי הדין, נאר נישט מהודר'דיג, קומסטו אריין מאכן שאלות אין יענעם'ס סוכה?! האט דער רבי מקפיד געווען![סז]

---

[סו] הנה לפניך הלשון מבפנים, שם אות ו': וְעַל כֵּן לִפְעָמִים עַל יְדֵי מַאֲכָל שֶׁאֵין מְבֹרָר, שֶׁעַל יָדוֹ נִתְקַלְקֵל הַלֵּב, עַל־יְדֵי־זֶה אוֹבֵד הַפָּנִים, וְנוֹפֵל לִבְחִינַת שֵׁנָה. וְצָרִיךְ לְעוֹרְרוֹ מִשְּׁנָתוֹ. וְאִי אֶפְשָׁר לְעוֹרְרוֹ, כִּי אִם כְּשֶׁמִּתְעוֹרֵר מֵעַצְמוֹ, כִּי צָרִיךְ אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא. רַק כְּשֶׁמִּתְעוֹרֵר מֵעַצְמוֹ, אִם לֹא הָיוּ מְעוֹרְרִין אוֹתוֹ, הָיָה נִשְׁאַר יָשֵׁן יוֹתֵר. עַל כֵּן צָרִיךְ תֵּכֶף כְּשֶׁמִּתְעוֹרֵר, לְהַרְאוֹת לוֹ פָּנָיו, וּלְהַלְבִּישׁ אוֹתוֹ בְּפָנָיו שֶׁנִּסְתַּלֵּק מִמֶּנּוּ בִּשְׁעַת שֵׁנָה, וְזֶהוּ בְּחִינַת הִתְעוֹרְרוּת הַשֵּׁנָה.

[סז] עי' אבניה ברזל שו"ס מרבינו, אות י"ז: אִישׁ אֶחָד עָשָׂה סֻכָּה יְקָרָה וְעָלָה לוֹ בִּסְכוּם רַב, וּבִקֵּשׁ אֶת רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל עַל קִדּוּשׁ לְהַסֻּכָּה. וְהָלַךְ עִמּוֹ מוֹהֲרַנַ"ת. וְדִבֵּר מוֹהֲרַנַ"ת שֶׁהַסֻּכָּה אֵינָהּ עַל־פִּי הַדִּין, וְרַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל שָׁתַק. וּמֵחֲמַת שֶׁמּוֹהֲרַנַ"ת הִסְתַּכֵּל תָּמִיד עַל פְּנֵי רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל, כֵּיוָן שֶׁרָאָה שֶׁרַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל שָׁתַק וַיִּשְׁתֹּק גַּם הוּא. וּבַדֶּרֶךְ בַּחֲזָרָה לְבֵיתוֹ אָמַר רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל לְמוֹהֲרַנַ"ת: יְהוּדִי שֶׁמִּיַּגֵּעַ עַצְמוֹ כָּל־כָּךְ, וּמוֹצִיא כָּל־כָּךְ הוֹצָאוֹת עַל הַסֻּכָּה, אַתָּה רוֹצֶה לַעֲשׂוֹת שְׁאֵלוֹת לְפָסְלָהּ מֵחֲמַת חֻמְרוֹת?!.

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **ארי' אשר יחקאל הכהן רובין** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל שמחת אירוסי בנו
**כמר יחיאל נ"י** עב"ג
עם הרה"ח בנימין פראנק שליט"א

מוה"ר **דוד הערשקאוויטש** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **שלמה זלמן הכהן שווארטץ** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **יואל זילבערשטיין** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
**לרגל אירוסי בתו למזל טוב**

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו י"ב שבט תשע"ט תנצב"ה